# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Integrale Yidishkayt (Integral Jewishness)

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/3fw0413s

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 94(1)

**Author**
Golomb (Golumb), Avrum (Abraham)

**Publication Date**
1979-09-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

אברהם גאָלאָמב

# אינטעגראַלע יידישקייט

בכלל גענומען וואָלט מען געדאַרפט מודה זיין, אַז מיר — דאָס יידישע פאָלק — זיינען שוין מער ניט קיין גאַנץ פאָלק אין נאָרמאַלן, געוויינטלעכן זינען. מיר זיינען צעפאַלן און צעבראָקלט, צעשפאָלטן און צעשאָטן אויף אַן אַ שיעור ריכטונגען און גרופּעס, פּאַרטייען און סובפּאַרטייען, אידעאָלאָגיעס און גלויבנס, שיטות און כיתות, און אַלע באַמיען זיך אונטערצושטרייכן אַז „מיר זיינען אַנדערש". מיר לען אין אַלערליי לענדער, צווישן אַלערליי פעלקער. און אַלעמען מאַכן מיר נאָך, און צו אַלעמען ווילן מיר זיך צוגלייכן, און אַלעמענס שפּראַכן נעמען מיר איבער, און אַלעמענס מנהגים נעמען מיר איבער. קענען מיר שוין ניט זיין איינהייטלעך, עפּעס איינס, עפּעס גאַנצעס. און בפּרט, אַז מיר האַלטן אין איין באַמיען זיך צו שפּאַלטן און מיר וואַרפן כסדר אָפּ דאָס וואָס אַנדערע יידן האַלטן פאַר הייליק און טייער. קומט אויס אַז מיר זיינען אַלע נאָר טיילווייזע יידן. מיר שטאַמען טאַקע אַלע פון איין פאָלק, אָבער אַליין זיינען מיר איצט נאָר שטיקלעך יידן. מיר

דער תורה. אָבער פון דעסטוועגן זע איך אין דער יידישער אמונה איינעם פון די באַזונדערס לויטערע און וויטאַלע פּראַקטישע אויפטוען. ספּעציעל באַציט זיך דאָס צום פּרינציפּ וועגן דער הייליקייט פון לעבן.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש וואָס אין דער מצוה פון הייליקן דעם שבת זיינען בפירוש אויך אַריינגענומען געוואָרן לעבעדיקע באַשעפענישן. אין דער מצוה פילט מען ווי אַן אידעאַלע א י י נ י ק י י ט פאַר דער אַחדות פון אַלץ וואָס לעבט. נאָך וויכטיקער איז, וואָס מיט געוואַלטיקער קראַפט קומט צום אויסדרוק די פאָדערונג פאַר דער אַחדות פונעם מענטשלעכן מין, און ס'איז נישט קיין צופאַל וואָס די סאָציאַליסטישע פאָדערונגען שטאַמען מייסטנס פון יידן.

ווי טיף און וויטאַל דאָס געפיל פאַר דער הייליקייט פון לעבן איז ביים יידישן פאָלק, קען זייער גוט אילוסטרירט ווערן מיט איין קורצן זאָג, וואָס כ'האָב אַמאָל געהערט פון וואָלטער ראַטענוי אין אַ שמועס מיט אים: „יעדער ייד וואָס זאָגט אַז ער גייט אויף חיות־געיעג פאַר זיין פאַרגעניגן וועגן, איז אַ ליגנער". ס'איז נישט מעגלעך צו געבן אַ פּשוטערן אויסדרוק פאַרן געפיל פון הייליקייט פון לעבן וואָס ס'געפינט זיך און הערשט ביים יידישן פאָלק.

## אַ היילונג פאַרן יידנטום

גרויס איז דער דרויסנדיקער דרוק, וואָס באַדרענגט דאָס יידישע פאָלק. אָבער דווקא פון אָט דער באַדרענגעניש האָט זיך פאַר אונדז געעפנט די ישועה. דאָס לעבן פונעם יידישן כלל האָט זיך באַנייט אין אַ מאָס, וואָס האָט אויסגעזען אין אַ דור פריער אַבסאָלוט אוממעגלעך. אונטער דער השפּעה פונעם יידישן א ח ד ו ת ־ געפיל, וואָס האָט אויפגעוואַכט צו אַ נייעם לעבן, און אַ דאַנק דער הצלחה פונעם ישוב אינעם אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל, וואָס איבערגעגעבענע און פאַרשטענדיקע פאָלקס־פירער האָבן געגרינדעט אונטער שוועריקייטן, וועלכע קיין מענטשלעכע קראַפט איז נישט ביכולת גובר צו זיין אויף אַ נאָרמאַלן אופן — און דאָס אויפבוי־ווערק איז געלונגען און געבראַכט שיינע רעזולטאַטן — איז נישטאָ קיין שום ספק וועגן זיין ענדגילטיקער הצלחה. דער דאָזיקער געלונגענער אויפטו גיט גרויס כבוד דעם יידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט.

ארץ־ישראל וועט זיין אַן אָרט פון לעבן און קולטור פאַר אַלע יידן, אַן אָרט פאַר די אַקטיוויטעטן פון אונדזערע גרויסע טאַלאַנטן, אַ רעטונג־פּלאַץ פאַר געיאָגטע און געפּלאָגטע, און אַן אידעאַלער פאַרבינדונגס־קנופּ אויך פאַר דער נפשדיקער היילונג פון אַלע יידן אין די לענדער פון דער וועלט.

האַלטן נאָר פון אַ טייל יידישקייט, מיר וואַרפן אָפּ אַ סך מער יידישקייט, וואָס גייט ניט אַריין אין דעם קליינעם פראַג־מענט וואָס מיר האַלטן יאָ פון אים. איט־לעכע גרופּע באַשטייט מער אויף דעם אָפּ־וואַרפן, אויף דעם אָפּזאָגן זיך פון אַלע איבעריקע טיילן יידישקייט. יעדער גרו־פּע גלייבט אין עפּעס און לייקנט אָפּ אַל דאָס איבעריקע. איז די „כפירה" (דאָס אָפּלייקענען) ביי אַלעמען מער און בריי־טער איידער די „אמונה". און מיר זיינען דאָך עפּעס אַן אַלט פאָלק, און מיר האָבן יידישקייט געשאַפן אַ סך, איז פאַראַן פון וואָס אויסצוקלייבן.

קומט די אינטעגראַלע יידישקייט און וויל אַננעמען די גאַנצע יידישקייט, די יידישקייט פון אַלע ריכטונגען, פון אַלע דורות, פון אַלע תקופות; צונויפהעפטן די שטיקער, גאַנץ מאַכן אַלע שפּאַלטן. אינ־טעגראַלע יידישקייט גלייבט אין דער גאַנצקייט און אין המשכדיקייט פון אין יידישקייט, ווי אַ בוים איז איינער הגם ער האָט אַ סך צווייגן. ניט שפּאַלטן און ניט ברעקלען, ניט ברעכן און ניט טיילן, נאָר פאַרקערט—זוכן דעם אחד פון יידיש קייט און שטרעבן צו אים. אינטעגראַלע יידישקייט איז אַ גלויבן, אַן אמונה אין אַחדות יידישקייט, עס איז אַ גלויבן אין מאָניסטישקייט פון יידישקייט.

## וואָס מיינט אמונה אין יידישקייט?

דער באַגריף אמונה האָט עטלעכע באַ־דייטן. על פי רוב מיינט מען גלויבן— האַלטן אַז עס איז אמת. האָט אַ רעליגיע אַ געוויסע צאָל דאָגמען און מען דאַרף זיי האַלטן פאַר אמת. זיינען אויך ביי יידן געווען עטלעכע פּרוּוון צו באַשטימען די דאָגמען פון יידישקייט. די באַקאַנטסטע זיינען די דרייצן עקרים פון רמב"ם. מען קען אָבער ניט זאָגן אַז די טראַדיציע האָט שטאַרק געהאַלטן פון דאָגמאַטישער יידישקייט. יידישקייט איז געווען אַ סך פריער פאַר די פאָרמולירטע דאָגמען און יידישקייט בלייבט אויך מחוץ די דאָגמען. אַזאַ מין דאָגמאַטישע יידישקייט האָבן אויך פאַרלאַנגט שפּינאָזע, אַנדערע פילאָסאָפן און אויך די משכילים. אָבער יידישקייט איז אַלע מאָל געווען און איז אַ סך בריי־טער. עס וועט זיין אַ סך ריכטיקער צו זאָגן אַז יידישקייט איז אַ שטייגער פון לעבן, אַ סכום פירונגען, פאָרמען און נאָר־מען אין לעבן, ווייל „אַזוי פירן זיך יידן". און עס פאַרשטייט זיך אַז די פאָרמען פון לעבן זיינען שוין פאַרבונדן מיט באַשטימ־טע פאָרמען פון דענקען און באַציונגען צו מענטש און וועלט.

אַן אמונה פון קרעדאָס קען זיין אוני־ווערסאַל: עס קענען זיין פאַרשיידענע פעלקער מיט פאַרשיידענע קולטורן און שטייגערס און דאָך מיט איין רעליגיע. די דאָגמען פון דער רעליגיע האָבן גאָר־ניט צו טאָן מיט דעם שטייגער און מיט דער קולטור פון פאָלק. פאַר יידן איז עס אין גאַנצן אוממעגלעך—די רעליגיע איז אידענטיש מיט דער קולטור און דער שטייגער איז פאַרהייליקט ווי די רעליגיע. ווי האָט אַ פרומער ייד געזאָגט צו זיין אויפגעקלערטן זון: „צי עס איז דאָ אַ גאָט צי נישט, אָבער דאַווענען מנחה דאַרף מען." צי עס איז דאָ אָדער ניטאָ אַ גאָט — דאָס איז דאָגמע, מנחה דאַווענען — דאָס איז שטייגער.

בנוגע צו דאָגמען איז פאַראַן בלויז איין מאָס: אמת אָדער ניט אמת. עס איז ניט שייך צו זאָגן מער אמת אָדער ווייניקער אמת. בנוגע צו יידישקייט קענען זיין גראַדאַציעס: מען קען זיין געטריי דעם טראַדיציאָנעלן שטייגער און מען קען זיין געטרייער און ווייניקער געטריי.

איז דער מהות פון יידישער אמונה — געטרייקייט, איבערגעגעבנקייט און ליבע צו יידישקייט. ניט אומזיסט פאַרמאָגט די יידישע רעליגיעזע פּאָעזיע אַזוי פיל טערמינען פון מענטשלעכער ליבע, עס איז אַ מין ראָמאַן צווישן דער כנסת ישראל מיט דעם רבונו של עולם.

אָבער וואָס אַזוינס איז יידישקייט?—עס איז באַקאַנט דער טומל וואָס בן־גוריון האָט אַרויסגערופן מיט זיין אַנקעטע ווער איז אַ ייד, ביז ער האָט געדאַרפט די גאַנצע פראַגע ציען צוריק. דאָס איז גע־שען דערפאַר ווייל יעדער איינער האָט געוואָלט אידענטיפיצירן יידישקייט נאָר מיט זיין אייגענער פאַרציאַלער יידישקייט און אויסשליסן אַלע אַנדערע עלעמענטן וואָס שטימען ניט מיט זיינע פאַרשטע־לונגען און באַגריפן.

מיר ווילן אָבער אָננעמען אַז יידישקייט איז אַלץ אין לעבן, אין שטייגער, אין פירונג, אין דענקען און אין קולטור בכלל. אַלץ וואָס שיידט אָפּ דעם יידישן יחיד און דעם ציבור פון אַלע אַנדערע יחידים און ציבורים. אַל דאָס אייגנטימלעכס איז יידישקייט.

די אַלע יידישקייט־עלעמענטן קענען זיין מחמת דעם זיין אַ ייד און עס קענען זיין עלעמענטן צוליב יידישקייט. פאַראַן אייגנטימלעכקייטן אַנטראָפּאָלאָגישע: אין אויסזען, אין געבוי פון קערפּער, אין באַציונג צו קראַנקייטן וכדומה. די ביאָלאָגישע אַנדערשקייטן פון יידן. זיי זיינען מחמת יידישקייט, מחמת דעם געהערן צו אַן אַלטער ראַסע, וואָס איז ריינער פון אַנדערע. זיי בלייבן אפילו ווען מען מאַכט אַ פּלאַסטישע אָפּעראַציע צו מאַכן די נאָז זאָל אויסזען שענער (לייען גוייִשער), מיט דער אַנטראָפּאָלאָגישער אַנדערשקייט זיינען פאַרבונדן אויך פּסיכישע און מאָראַלישע כאַראַקטער־שטריכן (ניט אומזיסט גיט מען איבער אין נאָמען פון ראַטענוי, אַז אַ ייד אין דער וואָס האָט ניט ליב צו גיין אויף געיעג שיסן חיות אין וואַלד.

צוליב יידישקייט זיינען אַלע עלעמענטן פון שטייגער און פון פירונג, אין די פאָרמען פון לעבן, טראַדיציעס, עסנס, מנהגים אין וואָך און אין יום־טוב וכדומה.

עס קען זיין אַ נאַטירלעכע יידישקייט. ווייל אַזוי פירט זיך די גאַנצע סביבה אַרום (אין אַ יידיש שטעטל, למשל). אָדער עס איז דער פאַקטאָר פון יראה — מורא האָבן פאַר גיהנום וכדומה. פון יראה איז פאַראַן אַן איבערגאַנג צו אהבה. מען פירט זיך ווי אַ ייד, ווייל ס'איז מיר טייער. איך האָב ליב צו זיין אַ ייד, עס איז ליב און טייער, אַזוי האָט זיך געפירט מיין באָבע, מיין זיידע... און די אהבה האָט מדרגות, עס קען דערגיין ביז טייערקייט, ביז פאַרהייליקונג, ביז „געטלעכקייט". דאָס איז די העכסטע מדרגה פון פון טייערקייט און ליבע און דאָס מיינט האָבן אמונה אין יידישקייט.

היינט, אין דער אורבאַנישער תקופה, ווען עס איז נישטאָ קיין נאַטירלעכע יידישע פאַרזיכיקע סביבה, קען מען נישט זיין אַ ייד אָן אמונה, אָן אהבת ישראל, אָן ליבע צו יידישקייט, ווייל עס ציט מיך צום יידישן שטייגער און יידישע מנהגים און פירונגען.

אָט דער פאַקטאָר פון אהבת ישראל, צי ער איז דאָ אָדער נישט, זיין מדרגה שפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער גאַנצער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. דאָ אָבער איז אונדז געגאַנגען נאָר אין דעפינירן דעם מהות פון אמונה אין יידישקייט, וואָס אָן איר איז אין גאַנצן אוממעגלעך דער קיום פון אונדזער פאָלק: קיין באַזונדערע, ספּעציפישע יידישע סביבה איז ניטאָ (סיידן אין מדינת ישראל), אין די פרייע לענדער ווערט אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אַבסאָרבירט אין דעם אַלגעמיינעם לאַנד־אַפּאַראַט, וואָס איז איינגעשטעלט לויט נאָרמען אין גאַנצן פרעמדע פון יידישע. דאָ איז גאָר שווער איינצוהיטן די יידישע אַנדערשקייט און פאַרזיכיקייט. כדי צו בלייבן אַ ייד אין אַזאַ ניט־יידישער סביבה פאָדערט זיך אַ סך אָנגעשטרענגטקייט, אַ סך מוט און ווילן. און אויך דעמאָלט מוז זיך די יידישקייט באַגרענעצן צו די היימען בלויז. און אויך דאָ קען בלויז די אמונה געבן די נייטיקע מוט און ענערגיע, נאָר אהבת ישראל. דאָס איז דער וועג פון יידישקייט.

כדי צו זיין אַ ייד אין די היינטיקע צייטן, ווען דער גאַנצער אַרום איז אַ פרעמדער, ווען יעדער ייד באַזונדער איז אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן פאַרבונדן מיט דער ניט־יידישער וועלט, ווען קינדער לערנען נאָר לשם קאַריערע, און די קאַריערע איז אַלע מאָל פאַרבונדן מיט פרעמדער שפּראַך און מיט פרעמדער קולטור — אין אַזאַ אַטמאָספער קענען בלייבן דורות יידן נאָר ביי אַ שטאַרקן עקשנותדיקן ווילן: אָט אַזוי פיר איך זיך, ווייל עס איז מיר טייער, ווייל איך וויל זיך אָנשטרענגען מיט אַלע כוחות איינצוהיטן מיין ליבע יידישקייט...

איז דווקא דאָ די צרה: ווו נעמט מען אַזאַ שטאַרקן ווילן און אַזאַ געטרייע ליבע צו יידישקייט? ווו איז זי דאָ? ביי וועמען? ביי וואָסערע יידן? אַזאַ געטרייקייט, אַזאַ איבערגעגעבנקייט צו יידישקייט איז ביי היינטיקע צייטן ניט בנמצא — אַז אַלע ריכטונגען אין יידישקייט שטרעבן נאָר

צום פאַרקערטן — צו פאַרמינערן זייער יידישקייט ביז צו סאַמע מינימום, ביז צום לעצטן צובונד־פעדימל וואָס אים וויל מען דאָך ניט איבעררייסן.

## רעליגיעזע יידישקייט

ווי עס איז באַקאַנט האָט זיך אונדזער רעליגיע צעברעקלט אויף עטלעכע ריכ־טונגען. פאַר די רעפאָרמער איז זייער גאַנצע רעליגיע זייערע גאָרע יידישקייט רעדוצירט צו באַשטימטע פאָרמען פון סינאַגאָגע ריטואַל און מער נישט. לויט דער אידעאָלאָגיע: לעולם זיינען מיר אַמעריקאַנער (אָדער דייטשן, אָדער פראַנ־צויזן. עס ווענדט זיך לויט דעם לאַנד ווו מען לעבט) נאָר מיר דאַווענען אַנדערש ווי אַנדערע. היות עס זיינען פאַראַן אַמע־ריקאַנער קאַטאָליקן און פּראָטעסטאַנטן, מעגן אויך זיין אַמעריקאַנער וואָס האָבן אַ דריטע פאָרם פון געבעט־הויז. צו יידיש־קייט אין ברייטערן זינען האָט די שיטה קיין שייכות ניט.

מערקווירדיק איז די פירונג פון דער אָרטאָדאָקסיע ביי אונדז. צווישן זיי זיינען דאָך פאַראַן גאַנץ ברייטע קרייזן וואָס זיי־נען באמת געטריי צו יידישקייט, וואָס זייער יידישקייט קאָסט זיי גאַנץ אַ סך, וואָס זיינען שומרי שבת ביי אַלע שווערי־קייטן אין אונדזער היינטיקער אורבאַני־שער תקופה. און דאָך רעדוצירן זיי אויך די יידישקייט, אויך זיי נעמען אָן נאָר די יידישקייט שבכתב, נאָר דאָס וואָס עס איז פאַרשריבן, פאַרפיקסירט ווי רעליגיע, וואָס דער שולחן ערוך זאָגט, נאָר דאָס וואָס דער רבש"ע צאָלט פאַר דעם. אויך זיי זיינען מבטל אַלע ספּעציפישע עלע־מענטן וואָס זיינען אינטים פאַרבונדן מיט יידישקייט, אָבער זיי זיינען ניטאָ אינשולחן ערוך. דער בולטסטער ביישפּיל איז די באַציונג פון אונדזער אָרטאָדאָקסיע צו יידיש לשון. אויך פאַר זיי וואָלט געקאָנט גילטן די פאָרמול, בלויז די רעליגיע איז אונדזער גאַנצע יידישקייט, בעת אין דער נאָר וואָס פאַרענדיקטער תקופה פון שטע־טל וואָלט געגאָלטן אַ פאַרקערטע פאָרמול: אַלץ וואָס עס איז יידיש איז אונדזער רעליגיע.

אונדזער רעליגיע איז ביי אונדז געווען אידענטיש מיט יידישקייט. זי האָט אַריינ־גענומען אַלץ וואָס עס איז ספּעציפיש יידיש. ניט די דאָגמען האָבן דעצידירט, נאָר דער שטייגער מיט אַלע זיינע עלע־מענטן. בכלל איז דאָך ריכטיק צו זאָגן, אַז אונדזער רעליגיע איז ניט געווען קיין טעיסטישע, ניט קיין גאָט־רעליגיע נאָר אַ פאָלק־רעליגיע. אַלע עלעמענטן פון שטייגער און פון געדאַנק זיינען אַריין אין גדר פון תורה, און יידן האָבן ווי געהערט מפּי הגבורה, פון גאָטס מויל: „הלוואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו" — נישט גאָט מיט זיינע אַטריבוטן, מיט זיינע דרכים, נאָר די תורה — אַלץ וואָס איז ספּעציפיש יידיש אין מעשה און אין מחשבה פון יידן — דאָס איז וויכטיק און דאָס איז הייליק. דאָס איז יידישקייט און אַל דאָס היטן מיר ווי אונדזער רעליגיע. יידיש לעבן איז די תורה, ישראל ואור־ייתא — יידישקייט און תורה איז איינס.

בעת די היינטיקע אָרטאָדאָקסיע, וואָס וויל גילטן פאַר די „שומרי החומות", טוט און פירט זיך פונקט פאַרקערט און זי אַנערקענט בלויז דאָס פיקסירטע און נאָר דאָס פאַרשריבענע און מער נישט. אַזוי אַרום איז אונדזער אָרטאָדאָקסיע היינט ענלעך צו די צדוקים פון אַמאָל: יענע מיט דער תורה שבכתב פון יענע צייטן און זיי האָבן אָפּגעוואָרפן אַל דאָס וואָס איז אַנ־געוואַקסן אין פאָלק הן אין פירונג און הן אין אידעען און געדאַנקען, אַזוי אויך היינ־טיקע אָרטאָדאָקסן. זיי נעמען אויך אָן נאָר דאָס וואָס עס איז איצט פיקסירט בכתב און זיי אַנערקענען ניט אַל דאָס וואָס עסאיז אַנגעוואַקסן אין יידישקייט נאָך דער פיקסירונג פון שולחן ערוך.

די אָרטאָדאָקסן האַלטן זיך פאַר די אמתע היטערס פון יידישקייט. איז עס גאַנץ מעגלעך אַז אויך די צדוקים האָבן זיך געהאַלטן און זיך גערופן ניט צדוקים נאָר צדיקים (רנ"ק: „מורה נבוכי הזמן"). אַזוי אַרום האָט אפילו ביי די אָרטאָדאָקסן די רעליגיע אויפגעהערט צו זיין אידענ־טיש מיט יידישקייט בכלל. עס קען אויס־זען מאָדנע אַ ביסל, אָבער פאַקטיש איז ריכטיק וואָס מיר האָבן געשריבן פריער, אַז ביי אַלע אונדזערע ריכטונגען איז די

שרה ראַפּאַלין-ליינער

# סוכות — אַ קראַנץ פון ימים טובים

פון די שלוש רגלים וואָס מיר האָבן אין משך פון יאָר איז דער יום־טוב סוכות דער אייגנאַרטיקסטער און פאַרשיידנאַרטיקסטער אין אונדזער לוח, מיט גאָר אַן אייגענעם צערעמאָניאַל

אמת, עס איז אַ תורה יום־טוב, ווי די אַנדערע צוויי, פסח און שבועות, ד״ה, די תורה, דער חומש, זאָגט אונדז אָן צו פייערן די שלוש רגלים.

אָבער סוכות האָט אַ ספּעציעלן אינהאַלט און אַן אייגענעם כאַראַקטער.

נאָך די שווערע ימים־נוראימדיקע טעג וואָס הייבן זיך אָן פּאַקטיש ראש חודש אלול מיט דעם ערשטן שופר בלאָז; נאָך די ערשטע סליחות־נאַכט, וואָס פירט אונדז אַריין אין דער ימים־נוראימדיקער אַטמאָספערע; נאָך דעם ערנסטן קלימאַקס פון ראש השנה און יום כיפור, ווען דער ייד דערהויבט זיך צו הימלישקייט; נאָך די עשרת ימי תשובה, וואָס מאַכן דעם מענטשן גרעסער און העכער און הייבן אים אויף צום רבונו של עולם, קומט דאַן סוכות און ברענגט מיט זיך גאָר אַן אַנדער שטימונג און פירט אונדז אַריין אין אַן אַנדער גייסטיקער אַטמאָספערע. סוכות ברענגט דער ייד אַרונטער די הימלישקייט אויף דער ערד און דערהויבט דאָס גשמיותדיקייט, דאָס ערדישע, צו רוחניותדיקייט. דאָס ווערט דערגרייכט דורך שמחה, דורך אמתער זעלישער פרייד. ביי יידן איז הימל און ערד אומצעטיילבאַר, ביידע צוזאַמען דערגאַנצן זיך און שאַפן אַ האַרמאָניע: „שמעו שמים והאזינה ארץ.“

דער מדרש דערציילט, אַז גלייך מוצאי יום־כיפור גייט אַרויס אַ בת־קול און זאָגט: „לך אכול בשמחה לחמך ושתה בלב טוב יינך, כי כבר רצה ה׳ את מעשיך“ (עס דיין ברויט מיט פרייד און טרינק דיין ווייַן... (קוהלת ט־ז).

אַלע ימים־טובים ברענגען פרייד, ווי דער נאָמען אַליין זאָגט „יום־טוב“. סוכות אָבער איז אָפיציעל באַצייכנט געוואָרן ווי דער יום־טוב פון פרייד, ס׳איז אַ שמחה של מצוה.

דריי מאָל ווערט געזאָגט וועגן סוכות דער אויסדרוק „שמחה“:

1. ושמחת בחגיך (דברים ט״ז־י״ד)
2. והיית אַך שמח (דברים ט״ז־ט״ו)
3. זמן שמחתנו (אין דער ליטורגיע)

די צוויי מער באַקאַנטע און פּאָפּולערע נעמען פון דעם יום־טוב זיינען חג הסוכות און חג האָסיף — דער יום־טוב פון איינזאַמלען. עס פאַלט אויס אין האַרבסט (תשרי 15), שוין נאָך דעם שניט, די תבואות פון די פעלדער זיינען איינגעזאַמלט אין די שפּייכלערס, דאָס געראַטעניש — אַ געבענטשטע, עס איז געווען אַ מזל־ברכה און דער ייד מעג זיך דערלויבן צו זיין פריילעך און צופרידן.

דאָס לעבן פון יענער צייט אין ארץ ישראל איז געווען פאַרבונדן מיט ערד־אַרבעט, די יידן זיינען געווען ערד־אַרבעטער, פויערים; זייער לעבנס־סטיל איז געווען באַאיינפלוסט און באַזירט אויף דער נאַטור, אָפּהענגיק פון אירע נאַטירלעכע עלעמענטן און אויסגעזעצט צו אירע קאַפּריזן; איז פאַרשטענדלעך, אַז נאָך אַ יאָר פון שווערער אַרבעט אין פעלד, „בזיעת אפּך תאכל לחם“, אין קאַמף מיט

---

כפירה (דאָס אָפּוואַרפן) מער ווי די אמונה, ווי דאָס וואָס מען נעמט אָן. אין דער פריערדיקער שטעטלשער תקופה האָבן מיר בכלל ניט געהאַט דעם טערמין רעליגיע, מען האָט גערעדט און געדענקט נאָר וועגן יידישקייט (יהדות). איצט ערשט האָבן מיר גענומען ריידן וועגן רעליגיע און די אָרטאָדאָקסן ווילן אידענטיפיצירן נאָר די יידישקייט בלויז מיט דער רעליגיע, מיט דער פיקסירטער, פאַרשריבענער רעליגיע (רעליגיע שבכתב).

אַזוי אַרום קען ביי היינטיקן טאָג קיין שום רעליגיעזע ריכטונג נישט אויפהאַלטן יידישקייט, ווייל יידישקייט איז אַ קולטור־שטייגער, וואָס איז אַ סך ברייטער פון רעליגיע, ווי אַלע היינטיקע ריכטונגען פאַרשטייען דעם טערמין.